וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

**יום טוב סוכות, ט"ו תשרי תשפ"א לפ"ק**
**שנה ב' גליון מ"ז**

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות ערשטע טעג........6:19
מוצאי ערשטע טעג ......................7:47
הדלקת הנרות צווייטע טעג ...... 6:08
מוצאי יו"כ ..........................................7:35

## א מעשה פון תפלה

### אברהם הערש וועבערמאן

פאר א צייט צוריק אינמיטן די יאר האב איך אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן פאר א שלאק [אונינג] פאר סוכות, איך האב געפרעגט דריי קאמפאניס, זיי האבן זיך אנטזאגט פון עס מאכן יעצט, איינער האט מיר יא געזאגט ער קען קומען אין דריי וואכן ארום, למעשה נאך דריי וואכן האט ער געזאגט אז ער קען עס נישט מאכן. איך האב שוין אפגעמאכט ביי מיר אז לכאורה אויף דעם יאר וועל איך עס שוין נישט האבן, אבער ממש א וואך פאר סוכות האט מיר די ערשטע קאמפאני צוריק געקאלט זאגן אז זיי קענען עס יא מאכן, און עס האט זיך אויסגעשטעלט אז עס איז נאך געווען ביליגער אין פרייז ווי די אנדערע צוויי. שכח אייבערשטער!

### מנחם שטיינבערג

א) איך האב געקויפט א נייע פליפ פאון איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען ארויף לייגן א פילטער אויף דעם פאון, אבער וואו קען איך אנקומען צו אזא סטאר? דער אייבערשטער האט געהאלפן איך האב געטראפן א אינגערמאן וואס איז מיר געווען גרייט צו טראגן מיין טעלעפאון צו די פילטער סטאר. שכח אייבערשטער!

ב) איך האב געזוכט א טענענט פאר מיין דירה, עס האט אויסגעזעהן ווי עס וועט נישט אזוי שנעל קענען געשעהן צוליב די סייז פון די דירה און אויך צוליב נאך סיבות, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען טרעפן שנעל און גרינג א טענענט, דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן איך האב געטראפן אויף גאר א אינטערעסאנטע אופן א גוטע טענענט און אויך גאר שנעל און גרינג.

### יואל מענדלאוויטש

לעצטע וואך האט מען ארויף געלייגט די דאך ביי מיין נייע דירה אין שטעטל, אבער עס האט זיך פארשלעפט א היפשע צייט, די קאמפאני זאל עס איינגאנצן פארמאכן, וואס דאס קען ברענגען אז ווען עס קומט א רעגן זאל אלעס אינעווייניג ווערן דורכגענעצט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט רעגענען ווילאנג עס איז נישט איינגאנצן פארמאכט, שכח אייבערשטער ממש יענע טאג וואס די דאך איז געווארן געענדיגט האט זיך גענומען גיסן אבער נישט פאר דעם.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הר"ר דוד יודא איידליס נ"י וזוגתו תחי'**

צו די בר מצוה פון זייער זוהן וואס לערנט אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי

**הבחור מרדכי נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## נייעס אין שטעטל

### שבת שובה אין שטעטל

גאר א שיינע סורפרייז איז פארגעקומען ווען מען איז געוואר געווארן ערב שבת שובה אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט זיין מיט אונז אויף שבת שובה און פארבלייבן ביז נאך יום הקדוש.

פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה געהאט אין פלאן צו גיין דאווענען אינעם נייעם בית המדרש אויף דענמאן סטריט, צו מחזק זיין דעם נייעם בית המדרש אבער עס איז נישט געווען מעגליך אנצוקומען, דער ראש ישיבה האט געזאגט ער וועט עס באצאלן דעם קומענדיגן מאל אם ירצה השם.

פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר ווערטער: מען שטייט יעצט אינעם ערשטן שבת פונעם יאר, וואס דאס איז די קאפ פונעם יאר - אלעס גייט נאכן קאפ, דארף מען זעהן צו מאכן א גוטע התחלה, גייטס אהיים יעצט און בעטס ענק איבער מיט ענקערע ווייבער, רעדטס שיין אינדערהיים. דאס איז וואס איך האב צו זאגן, איך זאג די זעלבע דיבורים שוין פאר פופצן יאר איך האב נישט קיין נייע חידושים, דו ווילסט תשובה טוהן אין אזאלעכע געהויבענע טעג? זאלסטו זעהן צו רעדן שיין צו דיין ווייב.

ביי פעולת הצדיק האט מען ארום גערעדט פון דעם וואס דער הייליגער רבי האט זיך קיינמאל נישט גע'קשנ'ט, דארף מען זעהן זיך אפלערנען פון דעם און קיינמאל זיך נישט קריגן און עקשנ'ען אין שטוב.

ביי סיפורי מעשיות האט מען ארום גערעדט פון התבודדות, ווען מען האט א ספק וויאזוי זיך צו פירן שמועסט מען עס אויס מיטן אייבערשטן: **הייליגער באשעפער איך ווייס נישט צי מיין הארץ רעדט מיר דאס צו אדער די שדים חלילה.** און דער אייבערשטער שיקט נאכדעם די ריכטיגע וועג וויאזוי זיך צו פירן.

ביי שלש סעודות האט מען גערעדט אז א מענטש דארף זיין גרייט פאר די נסיונות וואס קומט מיט אפילו אין אזאלעכע געהויבענע צייטן וואס אונז שטיי מיר יעצט, בפרט זיך צו היטן פון די דמיונות פון קוקן נישט איידעלע זאכן, וואס דאס לייגט אוועק דעם מענטש ח"ו.

### יום כיפור אין שטעטל

גאר דערהויבן איז פאראיבער יום הקדוש אין שטעטל, אנגעהויבן פון כל נדרי ביינאכט ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט און מעורר געווען אויף תשובה, און אויף צניעות ביי די פרויען, און אויף לערנען תורה יעדן טאג.

אינדערפרי האט מען פארגעלערנט א דף גמרא, רבי נתן זאגט עס קומט אלול מען ברענט און מען ברענט אבער מען טוט נישט גארנישט, מען דארף טוהן לעובדא ולמעשה, לערנען יעדן טאג א דף גמרא, אפילו יום כיפור.

מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה האט אונז מעורר געווען ביי אלע תפלות, עס איז נישט דא די ווערטער ארויסצוברענגען די התעוררות און די געפילן וויאזוי עס איז אריבער די תפלות, עס האט זיכער מעורר רחמים געווען ביים אייבערשטן און דער אייבערשטער וועט אונז און פאר גאנץ כלל ישראל שיקן א גוט געבענטשט יאר.

מוצאי יום הקדוש איז מען ארויס אין א טאנץ מיט מוזיק זיך צו פרייען פאר די מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אין אזא הייליגע טאג אז ער האט אונז מוחל געווען אלע עבירות פון דעם גאנצן יאר.

### ד' מינים סענטער אין שטעטל

אזוי ווי די שטעטל האט זיך שוין פארגרעסערט עס איז שוין דא מער משפחות, האט דער ראש ישיבה געבעטן האברך בנציון יאקאבאוויטש הי"ו צו פארקויפן ד' מינים אין שטעטל, עס איז טאקע צוגעשטעלט געווארן גאר א שיינע אויסוואל פון לולבים אתרוגים הדסים און ערבות פון די שענסטע וואס איז נאר דא אין די מארקעט און נאכדערצו פאר גאר גוטע פרייזן.

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר בנציון און פאר זיין שותף יחזקאל שארף הי"ו פארן צושטעלן די ד' מינים סענטער מיט אזא געטרייישאפט און איבערגעגעבנקייט, די אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעם גוטן.

# א ברייוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת וזאת הברכה-ב, י״ד תשרי, ערב סוכות, שנת תשע״ח לפ״ק**

לכבוד ... נרו יאיר

ברוך השם מיר שטייען יעצט ערב סוכות; מוהרא״ש זכרונו לברכה האט דערציילט, אמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו געזיצן אין זיין סוכה מיט זיינע תלמידים, און פלוצלינג הייבט דער בעל שם טוב אן זייער צו לאכן, האבן אים די תלמידים געפרעגט: ״פארוואס לאכט דער רבי?״ האט דער בעל שם טוב געענטפערט אז אין הימל לאכט מען יעצט, האבן זיי אים ווייטער געפרעגט: ״פארוואס לאכט מען יעצט אין הימל?״ האט זיי דער בעל שם טוב געענטפערט אזוי: ״א בעל עגלה איז יעצט געווען אונטערוועגנס, און אינמיטן וועג איז ער געווארן זייער הונגעריג, ער האט געזוכט א סוכה וואו צו עסן, ער האט אבער נישט געטראפן קיין סוכה וואו צו עסן, האט ער געמאכט א לאך אין זיין הוט, און ארויף געלייגט סכך אויף זיין הוט, ער האט געמיינט אז אזוי איז ער יוצא מצות סוכה... דאס איז די גרויסע געלעכטער אין הימל, און די שמחה האט גורם געווען המתקת הדינים אין אלע עולמות עליונים, דערפאר לאך איך אויך״ - האט דער בעל שם טוב אויסגעפירט.

זעט מען פון דעם אז **ווען א מענטש איז בשמחה גייען אוועק אלע דינים פון אים;** דערפאר זאלסטו זען צו זיין פרייליך יום טוב, און זאלסט פרייליך מאכן דיין ווייב און קינדער. פון איין זייט איז די שווערסטע מצוה פון יום טוב צו מקיים זיין (דברים טז, יד-טו): ״וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ, וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ״, אבער פון דער אנדערע זייט איז דאס די שענסטע מצוה, ווייל ווען א מענטש איז פרייליך האט ער א מח, ער האט ישוב הדעת, און אז מען האט ישוב הדעת האט מען שוין אלעס.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן י): ״מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת״, פארוואס זענען מענטשן ווייט פונעם אייבערשטן? ווייל מען האט נישט קיין ישוב הדעת צו טראכטן וואס דער תכלית איז בזה העולם, וואס האט מען פון אלע תאוות וכו׳, עס בלייבט דאך גארנישט איבער פונעם מענטש, נאר דאס ביסל עבודת השם יתברך וואס מען כאפט אריין בזה העולם. זאגט דער רבי ווייטער, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו ישוב הדעת - מען זאל וויסן וואס מען האט צו טון דא אויף דער וועלט? ״אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ״, ווען א מענטש איז דעפרעסט איז אים זייער שווער צו קענען טראכטן נארמאל וכו׳, ווייל דער מח איז אים מצומצם, ״רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת״, אבער ווען א מענטש איז פרייליך, דעמאלט קען ער טראכטן גראד וכו׳, ווייל ווען מען איז פרייליך איז דער מח ברייט אפען און נישט מצומצם.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן נב): ״צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְּבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת״, א מענטש זאל קודם נעמען איין מדה און בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, און ווען ער האט שוין צעבראכן די שלעכטע מדה זאל ער נעמען נאך א מדה און בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, ביז ער וועט זוכה זיין צו צעברעכן אלע זיינע שלעכטע מידות.

שטעלט זיך די קשיא, וואסערע מדה זאל מען נעמען צום ערשט? מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן אז די ערשטע זאך דארף א מענטש בעטן אויף ״**שמחה**״, ווייל איינמאל מען איז פרייליך פאלט שוין אוועק אלע מידות רעות און שלעכטע תאוות; דערפאר בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיין פרייליך, און אז דו זאלסט נישט האבן קיין קשיות אויף אים, און אזוי וועלן אלע פראבלעמען אוועק פאלן. בפרט יעצט ערב יום טוב דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט אויפרעגן, נאר **אריין גיין אינעם יום טוב בשמחה.**

עס איז געווען א ברסלב׳ער חסיד ר׳ אהרן קובליטשער זכרונו לברכה, ער איז געווען זייער א פרייליכער איד׳ל, און שטענדיג איז ער ארום געגאנגען מיט א שמייכל, ער איז געווען א עני ואביון; ווען זיין ווייב פלעגט אים פרעגן: ״אהרן, פארוואס ביסטו אזוי פרייליך, האסט דאך גארנישט?!״ האט ער געענטפערט: ״דו גלייבסט דאך אז ס׳וועט נאך זיין איין טאג גוט און דעמאלט וועלן מיר זיין זייער פרייליך, **איך בארג אויס שמחה פון דעמאלט אויף יעצט**״;

זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון איינער וואס גייט שטענדיג ארום מיט א שמייכל און ער דערהאלט זיך.

מוהרא״ש זכרונו לברכה איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט א שמייכל, עס האט זיך געקענט דאכטן אז ס׳גייט אים גוט, און ער האט אלעס אויף דער וועלט וכו׳, וואס באמת האט מוהרא״ש נישט געהאט קיין איין גוטן טאג אין לעבן, ער האט געהאט אויסצושטיין צרות ויסורים מבית ומבחוץ, אזוי ווי מוהרא״ש שרייבט אין די צוואה: ״לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל, וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרוֹב צַעַר וְעָגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ״, איך האב נישט געהאט אין מיין גאנצן לעבן קיין איין גוטן טאג, איך האב יעדן טאג געוויינט צום אייבערשטן פון מיינע צרות און יסורים וואס איך האב געהאט פון מענטשן פון אינדרויסן, און פון מיין אייגענע שטוב וכו׳, מיט דעם אלעם האט מען דאס נישט געקענט אנזען אויף אים פון אינדרויסן, אדרבה, ווען מוהרא״ש האט געזען א אינגערמאן אדער א בחור וואס איז נישט פרייליך, פלעגט ער אים פרייליך מאכן.

עס ווערט געברענגט פון הייליגן אריז״ל אז ערב סוכות איז א זמן פון צדקה; ר׳ חיים ויטאל זכר צדיק לברכה האט דערציילט וואס ער האט געזען ביי זיין רבי דער הייליגער האריז״ל, אז ערב סוכות ווען ארימעלייט זענען געקומען נאך צדקה פלעגט ער עפענען זיין בערזל און זאגן פאר אלע ארימעלייט: ״נעמט וויפיל איר ווילט״.

דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו האט געטייטשט וואס מיר זאגן ביים דאווענען אין די הייליגע טעג: ״וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה״, אז לכאורה דארף ווען שטיין קודם וצדקה פאר תפילה, ווייל קודם געבט מען צדקה און נאכדעם דאווענט מען, אזוי ווי עס שטייט (תהלים יז, טו): ״אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָּנֶיךָ״, האט ער גאזאגט אזוי, אז מען קען נאר זוכה זיין צו אמת׳ע צדקה אז מען איז אסאך מתפלל און מען טוט תשובה, נאכדעם איז מען זוכה צו טרעפן די אמת׳ע צדקה, דערפאר זאגט מען קודם וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה, און נאכדעם ״וּצְדָקָה״; דערפאר איז א גרויסע זאך צו געבן צדקה היינט ערב יום טוב.

דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו פלעגט אויסטיילן זייער אסאך געלט ערב סוכות, ער פלעגט זאגן: ״דאס איז מיין נוי סוכה״; וואויל איז פאר דעם וואס געבט צדקה פאר ארימעלייט, בפרט אז מען מאכט דאס בדרך כבוד ״מתן בסתר״ אז דער חבר זאל זיך נישט שעמען. צום ביישפיל, אז מען ווייסט א חבר, אדער איינער פון די משפחה וואס קען נישט איינקויפן אויף יום טוב, ער האט א גרויסער חוב אין געשעפט וכו׳, און מען רופט אריין שטילערהייט אין געשעפט בדרך כבוד, **מען לייגט אריין פארן חבר געלט ער זאל קענען איינקויפן אויף יום טוב**, דאס איז די גרעסטע צדקה, ווייל יענער ווערט נישט פארשעמט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן א פרייליכע יום טוב, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו זיצן בסוכת עורו של לויתן מיט אלע צדיקים און מיט משיח צדקינו.

מוצאי שבת וועלן מיר זיך צוזאמקומען צום יארצייט סעודה פונעם הייליגן רבי׳ן אין די סוכה פון די ישיבה, צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון אזא גרויסע ליכטיקייט; אלע זענען געליידענט - סיי די מענער סיי די פרויען און אויך די קינדער. איךווארט דיר צו זען.

## ד׳ מינים סענטער אין שטעטל




פאר אלע אייערע מארטגעדזש געברויכן

רופט האברך

אברהם יושע וועבערמאן הי״ו

347-932-4432

פאר אלע אייערע פלאמבינג געברויכן רופט דעם עקספערט

יוסי פריעדמאן הי״ו

347-831-6209

אויב האט איר גוטע בילדער פון פאסירונגען ביי אונז אין שטעטל

רופט אונז אן אויף

845-492-0566